בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח

תשפ"ה

372

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי טְרַייבְּט מֶען אַרוֹיס שֵׁדִים פוּן הוֹיז?........................................ א

אֶפְשָׁר שְׁטַאם אִיךְ פוּן נִישְׁט כָּשֵׁר'עֶ עֶלְטֶערְן?.............................. ב

פַארְוָואס דַארְף אִיךְ שְׁלָאפְן אַזוֹי סַאךְ?.......................................... ד

פַארְוָואס פָאלְגְט נִישְׁט דָאס קִינְד?.............................................. ו

וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען זִיךְ פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדִיעֶ אִין מַארָאקָא?.............. ח


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַ גוּטֶע וִויטַאמִין וָואס הֶעלְפְט הָאבְּן קִינְדֶער........................................ א

אִיז רִיכְטִיג צוּ רוּפְן "מַאלִי", פַארְקוּרְצֶערְט פוּן "מַלְכָּה"?.................... ב

דִי שִׂמְחָה פוּן אַן אָפְּשֶׁערְן, אָבֶער נִישְׁט זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן.......................... ב

לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אֱמוּנָה, אִיז אַזוֹי וִוי קַדִּישׁ.......................................... ג

בְּלַייבּ טוּן פַארְן כְּלַל, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה.................................. ד

צְנִיעוּת בְּרֶענְגְט אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.................................... ו

זִיךְ טַעְנָה'עֶן מַאכְט נָאר עֶרְגֶער........................................................... ז

בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט צוּם שְׁטֶעטְל.................................. ח

שִׁיק נִישְׁט דִי קִינְדֶער אִין אַ מוֹסָד אוֹיף וָועמֶען דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת........................ ט

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּן מַחֲשָׁבוֹת וָואס וִוילְן דִיךְ צֶעבְּרֶעכְן........................ י

וָואס טוּ אִיךְ וָוען אֵיינֶער רוֹדְפְ'ט מִיךְ?.............................................. יא

סְגוּלוֹת גֶעהָאלְפְֿן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער........................................יב

אַז אַ מַאמֶע ווִיל רֵיינֶע קִינְדֶער, דַארְף זִי אוֹיךְ זַיין רֵיין..........................יב

נִישְׁט שִׁיקְן דָאס קִינְד צוּ אַ פְּרִיוַואטֶער נֶערְוֶועזֶער מְלַמֵד........................יד

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט.......................................טו

אַוֶועקְגֶעבְּן אֵייגֶענֶע פַארְגֶענִיגְן אַז דֶער מַאן זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה....................טז

אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט אוּן עֶס אַרוֹיסְטְרָאגְן...............................יז

לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, נֶעמְט אַוֶועק אֵייגֶענֶע שְׁוֶועריקַייטְן.....................יז

טְרַאכְט נִישְׁט בַּיי הֲפָצָה פוּן גֶעלְט, טְרַאכְט פוּן נְשָׁמוֹת...............................יח

לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידוֹת פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה..........................יט

קְנָאבְּל אוּן צוּקֶער בַּיי אַ פִּדְיוֹן הַבֵּן.................................................כ

ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער נִיסִים פַּאסִירְט......................כא

גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדְן קִינְד, רֶעדְן צוּ זֵייעֶר נְשָׁמָה...................................כא

אַ תְּמִימוּת׳דִיגְן פָּשׁוּטְ׳ן אִיד אִיז דָא וָואס מְקַנֵא צוּ זַיין..............................כב

גֶעמַאכְטֶע חֵשֶׁק, בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶתְ׳עֶ חֵשֶׁק....................................כד

בַּאזוּכְן אוּן אָנְרוּפְן דִי עֶלְטֶערְן..........................................................כו

לֶערְנְסְט נָאךְ יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא?..............................................כז

וָואס אִיז דָא צוּ זָארְגְן אוֹיף פַּרְנָסָה?...................................................כח

מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק..........................................ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי טְרַייבְּט מֶען אַרוֹיס שֵׁדִים פוּן הוֹיז?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן אִין שׁוּל אַז אִין אַ נֵייעֶ הוֹיז גֶעפִינֶען זִיךְ שֵׁדִים, אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען טוּן צוּ דֶעם, זֵיי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן הוֹיז?

וֶוען אִיךְ זִיץ אוֹיפְן קָאוּטְשׁ, שְׁפִּיר אִיךְ ווִי מַיין הוֹיז צִיטֶערְט אוּן שָׁאקְלְט זִיךְ אַבִּיסְל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ב' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הִיט זִיךְ פוּן כַּעַס אוּן מַחֲלֹקֶת, וֶועלְן אַלֶע שֵׁדִים אַנְטְלוֹיפְן פוּן דַיין שְׁטוּבּ, אוּן דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קְלִיפָּה חֵלֶק ב', סִימָן א'): "יֵשׁ שֵׁדִים שֶׁמְּצוּיִים בַּבָּתִּים, שֶׁהֵם מְקַלְקְלִין הַשְּׁלוֹם בַּיִת", עֶס זֶענֶען דָא שֵׁדִים וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין הַייזֶער אוּן זֵיי מַאכְן קַאלְיֶע דִי שָׁלוֹם בַּיִת, "וְעַל יְדֵי זֶה כַּעַס וּקְטָטוֹת בַּבַּיִת", אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז דָא כַּעַס אוּן קְרִיגֶערַייעֶן אִין שְׁטוּבּ, "וְעִקַּר הַבַּיִת הוּא הָאִשָּׁה", דֶער עִיקָר פוּן דִי שְׁטוּבּ אִיז דִי וַוייבּ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא ב.): "בֵּיתוֹ זוֹ אִשְׁתּוֹ", דִי וַוייבּ אִיז דִי שְׁטוּבּ, "וְעַל כֵּן עַל פִּי רֹב עִקַּר הַקְּטָטוֹת מִמֶּנָּה", דֶערִיבֶּער אִין מֶערֶערֶע פֶעלֶער אִיז דִי קְרִיגֶערַייעֶן פוּן אִיר,

"וְלִפְעָמִים נֶאֱחָזִים בִּשְׁאָר בְּנֵי הַבַּיִת, וְעַל יְדֵי זֶה נַעֲשִׂים הַקְּטָטוֹת וְהַמְּרִיבוֹת", און דורְכְדֶעם וֶוערְט אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן, "וְעַל יְדֵי זֶה בָּאִים יִסּוּרִים עַל בְּנֵי הַבַּיִת", און דָאס בְּרֶענְגְט יִסוּרִים אוֹיף דִי שְׁטוּבּ. "וְזֶה מְפֹרָשׁ בַּפָּסוּק", דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם פָּסוּק (אִיּוֹב כא, ט): "בָּתֵּיהֶם", זֵייעֶרֶע הַייזֶער, "שָׁלוֹם מִפָּחַד", זֶענֶען מִיט פְרִידְן פוּן שְׁרֶעק, "וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה", און דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (רַשִׁ"י, שָׁם): "מִפַּחַד, אֵלּוּ שֵׁדִים", דָאס מֵיינְט מֶען דִי מַזִּיקִים, דִי שֵׁדִים, "וְזֶהוּ 'שָׁלוֹם מִפַּחַד'", דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, "כִּי הַשָּׁלוֹם הֵפֶךְ הַפַּחַד, שֶׁהֵם הַשֵּׁדִים הַמְקַלְקְלִים הַשָּׁלוֹם, וְזֶהוּ: 'וְלֹא שֵׁבֶט אֱלוֹקַ' וְכוּ', הַיְנוּ הַיִּסּוּרִים", עַיֵּין שָׁם.

דִי שֵׁדִים וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן כַּעַס, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ - אִיז דֶער נִישְׁט גוּטֶער; הִיט זִיךְ פוּן כַּעַס און מַחֲלֹקֶת וֶועלְן אַלֶע שֵׁדִים אַנְטְלוֹיפְן, און דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֶפְשָׁר שְׁטַאם אִיךְ פוּן נִישְׁט כָּשֵׁר'ע עֶלְטֶערְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט שְׁרַייבְּן אַ זַאךְ וָואס עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר נִישְׁט בַּאקְוֶועם און נִישְׁט אַיינְגֶענֶעם. אִיךְ וֵוייס אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט מִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן כָּל זְמַן אִיךְ לֶעבּ, אָבֶּער אַ טְרֵייסְט הָאבּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ בָּאטְשׁ אַ צַדִּיק וָואס אִיךְ קֶען אִים דֶערְצֵיילְן מַיינֶע בִּלְבּוּלִים. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעוֵויינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אַז זַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן צוּ מִיר מֵאִיר פָּנִים זַיין, און אִיךְ זָאל זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין נָאר מִיט זֵיי.

עֶס אִיז דָא אַ זַאךְ וָואס הָאט מִיר אֵייבִּיג גֶעדְרוּקְט, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט מֵסִיחַ דַּעַת זַיין פוּן דֶעם, אָבֶּער יֶעצְט אִיז דָאס מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיין אִין קָאפּ, און אִיךְ וִויל דָאס שׁוֹין מְסַדֵּר זַיין.

די זאך איז, אַסאך מָאל טְרַאכְט איך אַז הֱיוֹת מַיין שְׁוִויגֶער שְׁטַאמְט פון אַ מִשְׁפָּחָה פון בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה נָאך פון פַאר די קְרִיג, הַאלְט איך אִין אֵיין טְרַאכְטְן אַז אֶפְשָׁר אֵיינֶער פון די מִשְׁפָּחָה אַרוֹיף הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ צְוֵוייטְן וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַן אֵשֶׁת אִישׁ, אַזוֹי ווי מֶען זֶעט עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן חֲתוּנָה בְּכַשְׁרוּת, און לֵיידֶער נָאכְדֶעם גֵייט נֶעבֶּעך אַרַיין אִין זֵיי אַ שְׁלֶעכְטֶע גֵייסְט, זֵיי לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה און זוּכְן זיך פְּרֶעמְדֶע גְלִיקְן רַחֲמָנָא לִיצְלַן, און די קִינְדֶער וָואס וֶוערְן גֶעבּוֹירְן פון די צְוֵוייטֶע זֶענֶען נִישְׁט קַיין כָּשֵׁר'עֶ קִינְדֶער, און דֶערִיבֶּער טְרַאכְט איך כְּסֵדֶר אַז אֶפְשָׁר אִיז גֶעוֶוען אַזַא סָארְט מַעֲשֶׂה בַּיי אֵיינֶע פון די בַּאבֶּעס אוֹיף אַרוֹיף, און די מַחֲשָׁבוֹת גֵייעֶן מִיר נִישְׁט אַרוֹיס פון קָאפּ.

איך טְרַאכְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נִישְׁט לִיבּ די סָארְט סְפֵיקוֹת, אויך אַז מִן הַסְּתָם קוּמְט דָאס פון די וַוייסֶע יֵצֶר הָרָע, איך הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פַארְשְׁטַאנֶען מַיינֶע בִּלְבּוּלִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

די מַחֲשָׁבוֹת אִיז נִישְׁט פון די קְדוּשָׁה, עֶס אִיז פון דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל דִיךְ בַּאגְרָאבְּן אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, הַשֵּׁם יְרַחֵם; אֵיינְמָאל מֶען הוֹיבְּט אָן מִיט די סָארְט מַחֲשָׁבוֹת פון טְרַאכְטְן אוֹיף צוּרִיק וְכוּ', אוֹיף אַרוֹיף וְכוּ' - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט חָכְמוֹת, אֲפִילוּ די סָארְט חָכְמוֹת וָואס זֶעט אוֹיס פְּרוּם און עֶרְלִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פון חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", ווַייל די אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים און קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם

מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר 'וָחַי בָּהֶם וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם', כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען אַלְץ מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה, מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְוֹות שֶׁעוֹשִׂין, וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת, אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

פְרֵיי זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס דוּ טוּסְט, פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט כְּדָת וְכַדִּין. ווִי מֶער דוּ וֶועסְט זִיךְ פְרֵייעֶן - וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, טוּ אַלֶעס אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן אַבִּי זַיין פְרֵיילִיךְ; שִׂמְחָה וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע קְדוּשָׁה, צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס דַארְף אִיךְ שְׁלָאפְן אַזוֹי סַאךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אוֹיבּ אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן אִיךְ שְׁלָאף אַכְט שָׁעָה בַּייְנַאכְט, שְׁפִּיר אִיךְ נָאכְדֶעם גוּט אַ גַאנְצֶע טָאג; אָבֶּער אוֹיבּ גֵיי אִיךְ שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט, אָדֶער אִיךְ שְׁלָאף וֶוייְנִיגֶער פוּן אַכְט שָׁעָה, שְׁפִּיר אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גוּט.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל אִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק לֶערְנֶען בַּייְנַאכְט, זִיךְ מֶער בַּאפְלַייסְן אִין לֶערְנֶען בַּייְנַאכְט, בִּפְרַט אַז בַּייְנַאכְט אִיז מֶער רוּאִיג. אַסַאךְ גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן מַתְמִיד גֶעוֶוען בַּייְנַאכְט, אוֹיךְ מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרַ"ש שְׁרַייבְּט אָבֶּער אַסַאךְ מָאל נִישְׁט צוּ זַיין קַיין אוֹיבֶּער חָכָם, מֶען זָאל הִיטְן דִי שְׁלָאף.

אֶפְשָׁר דָאס אַז אִיךְ דַארְף שְׁלָאפְן אַזוֹי סַאךְ אִיז וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְגֻשָּׁם? אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט מִיט דֶעם; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת, עֶר הָאט זֵיי מְחַזֵּק גֶעוֶוען זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען וויל וְכוּ׳; אִינְמִיטְן הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן צוּפֵייעֶרְט אוּן גֶעזָאגְט: ״פַארְוָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעוֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! אוּן פַארְוָואס בִּין אִיךְ וָואס אִיךְ בִּין? וַוייל אִיךְ הָאבּ דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת״; רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּמְט דִי צַדִּיקִים אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ וֵוייניג שְׁלָאפְן וְכוּ׳, נָאר צוּלִיבּ זֵייעֶר הִתְחַזְּקוּת; וַוייל דָאס אִיז דִי סוֹד פוּן דִי צַדִּיקִים, זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט צֶעבְּרֶעכְן פוּן גָארְנִישְׁט.

מַאךְ נִישְׁט נָאךְ דִי צַדִּיקִים מִיט וֵוייניג שְׁלָאפְן אוּן וֵוייניג עֶסְן, מִיר דַארְפְן נָאכְמַאכְן דִי צַדִּיקִים מִיט זֵייעֶר שִׂמְחָה אוּן זֵייעֶר הִתְחַזְּקוּת, וִוי זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק; אֲפִילוּ זֵיי שְׁפִּירְן וִוי מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט אוּן וִוי מֶען אִיז זֵיי מְרַחֵק - דֶערְהַאלְטְן זֵיי זִיךְ, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אִין אֵיין טָאג טוֹיזְנְט מָאל אַ טַעַם פוּן שְׁטַארְבְּן אוּן דָאךְ זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם דַארְף מֶען זֵיי נָאכְמַאכְן.

עֶס אוּן שְׁלָאף אָבֶער הִיט דִי צַייט, אֵיינֶער דַארְף שְׁלָאפְן מֶער אוּן אֵיינֶער קֶען שְׁלָאפְן וֵויינִיגֶער, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען הִיטְן דִי צַייט אוּן זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן פד): ״תִּקּוּן הַגּוּף קוֹדֶם תִּקּוּן הַנֶּפֶשׁ״, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז קוֹדֶם זָאל זַיין גוּף זַיין רוּאִיג אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין נֶפֶשׁ; וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וֶועם עֶר קֶען נִישְׁט בַּייקוּמֶען – דֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, קוּמְט עֶר צוּ אִים וִוי אַ פְרוּמֶער, עֶר מַאכְט אִים שְׁפִּירְן אַז עֶר טוּט נִישְׁט גֶענוּג, אוּן עֶר פַארְדְרֵייט אִים דֶעם קָאפּ אַז עֶר זָאל פַאסְטְן אוּן טוּן סִיגוּפִים וְכוּ׳ וְכוּ׳. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דֶעם, פַאלְט עֶר אַרָאפּ אוּן עֶר וֶוערְט שְׁוַואךְ, עֶר בְּלַייבְּט לִיגְן אִין בֶּעט אָן קַיין כֹּחַ, עֶר קֶען נִישְׁט נִישְׁט דַאוֶונֶען אוּן נִישְׁט לֶערְנֶען, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים גֶעכַאפְּט אִין זַיין פַּאסְטְקֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס פָאלְגְט נִישְׁט דָאס קִינְד?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, זֵיי זֶענֶען פַאר מִיר אַ בְּחִינָה פוּן מַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק אוּן אִיךְ פַארְבֶּעסֶער זִיךְ אַסַאךְ דוּרְךְ דֶעם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען וִויסְן אַ חִילוּק צִי אַ קִינְד טוּט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהֵייסְן וַוייל עֶס אִיז אִים בֶּאֱמֶת שְׁוֶוער דָאס צוּ טוּן, אָדֶער נָאר וַוייל עֶר נוּצְט אוֹיס דִי שְׁוַואכְקֵייט פוּן דִי עֶלְטֶערְן?

אִיךְ קֶען אַמָאל הֶערְן וִוי דָאס קִינְד זָאגְט: "טַאטִי וֶועט הֵייסְן צְוֵוייא דְרֵיי מָאל, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר פַארְגֶעסְן", אָדֶער: "אִיךְ וֶועל וַוארְטְן בִּיז מַאמִי הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אוּן אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט דַארְפְן טוּן", וֶוען אִיךְ זֶע אַז דָאס קִינְד טוּט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהֵייסְן, וִוי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ פַארְוָואס עֶר טוּט עֶס נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער אַז מֶען דַארְף פָּאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, חִינוּךְ אִיז נִישְׁט גְרִינְג אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אִין דֶעם. קִינְדֶער וֶועלְן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע וֶועגְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן הֶעלְפְן אוּן פָּאלְגְן, אָבֶּער וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק, דִי עֶלְטֶערְן שְׁטֵייעֶן שְׁטַארְק אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן אוֹיף פָּאלְגְן - וֶועלְן זֵיי פָּאלְגְן אוּן הֶעלְפְן.

מֶען דַארְף קֶענֶען צֶעטֵיילְן שְׁלֶעכְט אוּן שְׁטְרֶענְג, שְׁלֶעכְט אִיז נִישְׁט שְׁטְרֶענְג אוּן שְׁטְרֶענְג אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, אַז מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער זָאלְן הֶעלְפְן אוּן פָּאלְגְן, דָאס אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, דָאס אִיז רִיכְטִיג, אוּן אַז דִי קִינְדֶער וֵויינֶען אוּן פַארְפִירְן - טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן שְׁוַואךְ, נָאר וַוייטֶער מְחַנֵךְ זַיין צוּ טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט טָאר מֶען נִישְׁט וֵויי טוּן קִינְדֶער, זֵיי אוּנְטֶער רַייסְן, לַאכְן פוּן זֵיי, אוּן זֵיי טְשֶׁעפֶּענֶען, אוּן חַס וְשָׁלוֹם דֶערְשְׁרֶעקְן דִי קִינְדֶער.

פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף חִינוּךְ, דָאס זָאל זַיין בַּיי דִיר דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כח, יא): "וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶענוּמֶען שְׁטֵיינֶער אַרוּם זַיין קָאפּ, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, יא): "רַבִּי יְהוּדָה אָמַר שְׁנֵים עָשְׂרֵה אֲבָנִים נָטַל", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶענוּמֶען צְוֶועלְף שְׁטֵיינֶער, "כַּךְ גָּזַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁהוּא מַעֲמִיד שְׁנֵים עָשָׂר שְׁבָטִים", וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז עֶר גֵייט אוֹיפְשְׁטֶעלְן צְוֶועלְף שְׁבָטִים, אוּן פוּן דִי שְׁטֵיינֶער הָאט עֶר גֶעבּוֹיט דִי מִזְבֵּחַ (בְּרֵאשִׁית כח, יח).

"מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לְבָנִים" (עַיֵּין תַּנְחוּמָא לֶךְ לְךָ, סִימָן ט), יַעֲקֹב אָבִינוּ לֶערְנְט אוּנְז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל בּוֹיעֶן אַ מִזְבֵּחַ, עֶר ווִיל מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת - זָאל עֶר אַריינְלֵייגְן אַרְבֶּעט אִין חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, דִי מִזְבֵּחַ פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין זַיינֶע קִינְדֶער, חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת

אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע עֲבוֹדָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי מִיר אִיז חָשׁוּב מְחַנֵּךְ צוּ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי תִּיקוּן חֲצוֹת"; רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, פְלֶעגְט עֶר וַוארְטְן זֵיי זָאלְן אַהֵיים קוּמֶען פוּן חֵדֶר, וָואס דֶעמָאלְט פְלֶעגְט עֶר זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט פוּן גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז בַּיי אִים אַזוֹי חָשׁוּב פּוּנְקְט וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן זָאגְן חֲצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען זִיךְ פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדִיֶע אִין מַארָאקָא?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם פְרֵייטָאג זֶענֶען אַזוֹי טְרַאגִישׁ אוּמְגֶעקוּמֶען פִינְף טַייעֶרֶע אִידְן פוּן שְׁטָאט צְפַת, אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכְן עֶקְסִידֶענְט אִין מַארָאקָא. אִיךְ פְלֶעג דַאוְוֶענֶען מִיט זֵיי אִין אֵיין בַּית מִדְרָשׁ, אִיךְ הָאב זֵיי גוּט גֶעקֶענְט אוּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט זֵיי יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן שְׁרֶעקְלִיךְ צֶעטְרָאגְן אוּן צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי שוֹידֶערְלִיכֶע טְרַאגֶעדִיֶע.

אִיךְ מוּז הָאבְּן חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין, אִיךְ הָאב נִישְׁט קֵיין מֹחַ צוּ קֵיין שׁוּם זַאךְ, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט טוּן מֶער.

אַלֶע אִידְן אִין צְפַת זֶענֶען שְׁרֶעקְלִיךְ צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה, פְרֵייטָאג הָאבְּן דָא מֶענְטְשְׁן גֶעוֵויינְט אוֹיפְן גַאס. אִין מִקְוֶה הָאב אִיךְ גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער פְרֶעגְט דֶעם צְוֵוייטְן וִוי אַזוֹי מֶען וֶועט קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ דֶעם שַׁבָּת, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מֶען קֶען נֶעמֶען עֶפֶּעס אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אָדֶער קֶען מֶען זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען מִיט אַלְקָאהָאל", אִיךְ נֶעם נִישְׁט בֵּיידֶע זַאכְן בָּרוּךְ ה'.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער קַיין מִירוֹן און זִיךְ אוֹיסְגֶעוויינְט דָאס הַארְץ בַּיים צִיּוּן פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, מִיר הָאט מֶען אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז וֶוען עֶס דְרוּקְט אוֹיפְן הַארְץ גֵייט מֶען צוּ אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק און מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר נָאכְאַלְץ זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר עֶפֶּעס מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קו.): "אֶחָד מִבְּנֵי חֲבוּרָה שֶׁמֵּת תִּדְאַג כָּל הַחֲבוּרָה כּוּלָהּ", וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי חֲבוּרָה גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט דַארְפְן אַלֶע תְּשׁוּבָה טוּן; אַרַיינְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וָואס מֶען וֶועט מִיט נֶעמֶען אוֹיף אֵייבִּיג.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוען מֶען הֶערְט דִי נֵייעֶס אַז דֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, יֶענֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן - זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן 'עֶס אִיז דָא אַ חֶבְרָה שֶׁל מֵתִים', אַ חֶבְרָה שְׁטַארְבֶּערְס, אַנְשְׁטָאט תְּשׁוּבָה טוּן און טְרַאכְטְן 'וֶוער וֵוייסְט וֶוער אִיז דֶער קוּמֶענְדִיגֶער אִין דִי רֵייעֶ? בִּין אִיךְ אִין דִי רֵייעֶ?' טְרַייבְּט מֶען אַוֶועק דִי מַחֲשָׁבוֹת, און מֶען טְרַאכְט 'דִי זַאכְן פַּאסִירְן נָאר מִיט דִי חֶבְרָה שְׁטַארְבֶּערְס. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם, לא:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים מט, יד): "זֶה דַרְכָּם כֵּסֶל לָמוֹ", דָאס אִיז זֵייעֶר נַארִישֶׁע וֶועג, זֵיי רֶעדְן פוּן שְׁטַארְבְּן אָבֶּער זֵיי טְרַאכְטְן אַז דָאס הָאט נִישְׁט מִיט זֵיי.

ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶוען מֶען הֶערְט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט טוּט מֶען תְּשׁוּבָה, און מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת ז, ב): "טוֹב לָלֶכֶת אֶל בֵּית אָבֵל" עֶס אִיז גוּט צוּ גֵיין מְנַחֵם אָבֵל זַיין, "מִלֶּכֶת אֶל בֵּית מִשְׁתֶּה", וִוי צוּ גֵיין צוּ חֲתוּנוֹת, "בַּאֲשֶׁר הוּא סוֹף כָּל

הָאָדָם", אַזוֹי פַארְשְׁטֵייט מֶען וָואס אִיז דֶער סוֹף פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, "וְהַחַי יִתֵּן אֶל לִבּוֹ", און מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, הֲלָכָה וְאַגָּדָה, און זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר און אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעוואוּסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר און פַארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ מִיר און מִיךְ גֶעפָאלְגְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דַרְגָּא אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַ גוּטֶע וִויטַאמִין וָואס הֶעלְפְּט הָאבְּן קִינְדֶער**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ב׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פַּארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער.

עֶס אִיז דָא אַ גוּטֶע וִויטַאמִין וָואס הֶעלְפְּט הָאבְּן קִינְדֶער, דִי וִויטַאמִין נֶעמְט מֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג; אִינְדֶערְפְרִי, מִיטָאג אוּן פַּארְנַאכְטְס; דִי וִויטַאמִין פוּן תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי זָאלְט אִיר זָאגְן: ״שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ מַאכְסְט מִיט מִיר, שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר דַיינֶע חֲסָדִים, שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ גֵייסְט מִיר אֵיין טָאג גֶעבְּן אַ זִיסֶע צוּקֶערְדִיגֶע בֶּעבִּי״.**

דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן עֶפְּנְט אוֹיף דִי הִימְל פַּאר יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיז רִיכְטִיג צוּ רוּפְן "מַאלִי", פַאךְקוּרְצֶערְט פוּן "מַלְכָּה"?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ב' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין נַייעַ גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידְל בֶּעבִי רָחֵל מַלְכָּה תִּחְיֶ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי דֶעם קִינְד אוּן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער, אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

בְּנוֹגֵעַ דִי פְרַאגֶע אַז דַיין וַוייבּ וִויל רוּפְן דָאס קִינְד מַאלִי, אִין קוּרְצְן פוּן מַלְכָּה, אוּן דוּ ווִילְסְט בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן רוּפְן דִי הַאלְבֶּע נָאמֶען, דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי מַאלִי אִיז נִישְׁט מַלְכָּה, דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ דִי נָאמֶען; מוֹהֲרַ"ש זָאגְט עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס דַארְף נִישְׁט בַּאדֶערְן, מֶען קֶען רוּפְן אַזוֹי אוּן מֶען קֶען רוּפְן אַזוֹי, דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס דַארְף שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז עֶס בַּאדֶערְט דִיר וְכוּ'; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ בַּאדֶערְן, בַּאדֶערְט מִיר אַסַאךְ זַאכְן, בְּמֵילָא בַּאדֶערְט מִיר גָארְנִישְׁט"; מִיט דֶעם דִיבּוּר קֶען מֶען זִיךְ גְרִינְג אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דִי וֵוייטָאג וָואס מֶען לַיידְט בָּזֶה הָעוֹלָם, מֶען זָאל זַיין אַ מְוַתֵּר, מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן גָארְנִישְׁט.

לוֹיף צוּרִיק צוּם מִשְׁנַיוֹת, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן לֶערְן בְּקוֹל אוּן מִיט אַ זִיסֶע תְּנוּעָה, דָאס וֶועט דִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט דִי זַאכְן פוּן ווִי אַזוֹי מֶען זָאל רוּפְן דִי נָאמֶען - נִישְׁט בַּאדֶערְן, דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי שִׂמְחָה פוּן אַן אָפְּשֶׁערְן, אָבֶּער נִישְׁט זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ב' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַאכְן פֵּיאוֹת פַּאר אַ קִינְד אִיז אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אָבֶער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן. בַּאקֶט אַ קֶעיק, אוּן רוּפְט נָאר דִי עֶלְטֶערְן; אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אַייעֶר מַאן׳ס עֶלְטֶערְן - זָאלְן בֶּענְטְשְׁן דֶעם קִינְד.

דֶער מִנְהָג אִיז, מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פְּרִי, גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען מַאכְט מֶען פֵּיאוֹת, דִי עֶלְטֶערְן ווִינְטְשְׁן בְּרָכוֹת אוּן מֶען גֵייט אִין חֵדֶר, מֶען ווִיקֶלְט אַיין דֶעם קִינְד אִין אַ טַלִּית עֶר זָאל זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, דֶער מְלַמֵּד זָאגְט מִיטְן קִינְד דִי א-ב אוּן עֶר שְׁמִירְט אָן דִי א-ב מִיט הָאנִיג, אוּן דֶער קִינְד לֶעקְט דִי הָאנִיג אוֹיף דִי א-ב אוּן טֵיילְט גוּטֶע זַאכְן פַּאר דִי חֲבֵרִים.

דִי גֶעלְט וָואס מֶען ווִיל אוֹיסְגֶעבְן צוּ מַאכְן טֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ, טֵייעֶרֶע סְעוּדוֹת - גֶעבְּט מֶען פַּאר צְדָקָה לִזְכוּת דֶעם קִינְד, מֶען גֶעבְּט דָאס פַּאר דִי חֵדֶר וואוּ דֶער קִינְד גֵייט לֶערְנֶען וְכַדוֹמֶה.

מַאכְט זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט גֶעפֶעלְן פַּאר דִי גֶעשְׁווִיסְטֶער, מַאכְט נִישְׁט נָאךְ אַלֶע אַמֶערִיקַאנֶע מִנְהָגִים. אָפְּשֶׁערְן אִיז אַ טָאג פוּן תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת פַּאר דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אֱמוּנָה, אִיז אַזוֹי ווִי קַדִּישׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ב׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ ווִיל אַייךְ טְרֵייסְטְן אוֹיף דִי פְּטִירָה פוּן אַייעֶר גְרוֹיסְן טַאטְן, ׳הַמָּקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ טְרֵייסְטְן, ׳בְּתוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם׳, אִיר זָאלְט נִישְׁט ווִיסְן פוּן קַיין צַעַר אוּן קַיין וֵוייטָאג.

אַייעֶר טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, זַיין פְּטִירָה אִיז אַ פַארְלוּסְט פַּאר אוּנְז אַלֶעמֶען, עֶר הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר הָאבְן מִיר זִיךְ בַּאקֶענְט (דוּרְךְ

אַייעֶר שִׁידוּךְ), וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעטְרָאפְן, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען מִיט דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, דָאס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן חַיּוּת בִּיז דִי לֶעצְטֶע טָאג אִין לֶעבְּן.

מִיטְן אַרְבֶּעטְן אִין בֵּית פֵיגָא, לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי אֱמוּנָה, אוּן זֵיי וַוייזְן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת, דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן תּוֹרָה - וֶועט אִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַּאר זַיין נְשָׁמָה, אוּן דָאס וֶועט אִים אַרוֹיפְטְרָאגְן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי קַדִּישׁ; לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אֱמוּנָה אִיז ׳יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּה׳, וָואס מַאכְט אַן עֲלִיָּה פַאר דִי נְשָׁמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא אוּן צוּ הַצְלָחָה בְּכָל עִנְיָנִים.

...

## בְּלַייבּ טוּן פַאךְן כְּלַל, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ב׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט גֵיין אִין כּוֹלֵל אַנְשְׁטָאט פַארְבְּרֶענְגֶען דִי יָארְן וְכוּ׳; בְּלַייבּ טוּן פַארְן כְּלַל, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ה, א): ״הָעוֹסֵק בְּצוֹרְכֵי צִיבּוּר״, דֶער וָואס טוּט פַארְן כְּלַל, עֶר הֶעלְפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער - ״כְּעוֹסֵק בְּדִבְרֵי תּוֹרָה״, רֶעכְנְט מֶען אִים אַזוֹי וִוי עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה.

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ טְרַאכְסְט ׳וָואס טוּ אִיךְ שׁוֹין? מִיט וָואס גֵייט מִיר אַרִיבֶּער מַיינֶע יָארְן?׳ זָאג נִישְׁט אַזוֹי, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סב, ב): ״כַּד דְּמָךְ רַבִּי אַבָּהוּ״, וֶוען רֶבִּי אַבָּהוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, ״אַחֲזוּ לֵיהּ תְּלַת עֶשְׂרֵי נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן״, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן דְרַייצְן טַייכְן פוּן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע אוֹיל וָואס פְלִיסְט, ״אֲמַר לְהוֹן אִלֵּין דְּמַן״, הָאט רֶבִּי אַבָּהוּ גֶעפְרֶעגְט, פַארְוֶועם אִיז דָאס אָנְגֶעגְרֵייט? ״אֲמָרוּ לֵיהּ, דִּידָךְ״, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט, דָאס אַלֶעס אִיז פַאר דִיר, הָאט רֶבִּי אַבָּהוּ זִיךְ פַארְוואוּנְדֶערְט אוּן

גֶעפְרֶעגְט: "אֲמַר, אִלֵּין דְּאַבָּהוּ", דָאס אִיז פַאר מִיר? (יְשַׁעְיָה מט, ד): "וַאֲנִי אָמַרְתִּי לְרִיק יָגַעְתִּי" אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּמְזִיסְט גֶעפְּלָאגְט, "לְתֹהוּ וְהֶבֶל כֹּחִי כִלֵּיתִי", אוּן אוֹיסְגֶעגֶעבְּן מַיינֶע כֹּחוֹת פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט.

פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל בְּשֵׂיבָה טוֹבָה), ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבָהוּ זָאל זָאגְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, אַז עֶר הָאט זִיךְ אוּמְזִיסְט גֶעפְּלָאגְט אוּן זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיבּ עֶר הָאט עֶפֶּעס גוּטְס גֶעטוּן אִין לֶעבְּן?

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה, רֶבִּי אַבָהוּ אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען דוּרְכְאוֹיס זַיין לֶעבְּן בַּיי דִי רֶעגִירוּנְג, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען שְׁתַּדְלָ'ן לְטוֹבַת הַכְּלָל, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (כְּתוּבּוֹת יז.), זֵיי פְלֶעגְן זִינְגֶען פַאר אִים: "רַבָּא דְעַמֵּיהּ" וְכוּ', עֶר הָאט אַסַאךְ צַייט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן, אוּן דָאס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען ווִי בִּיטוּל תּוֹרָה; דָאס אִיז וָואס רֶבִּי אַבָהוּ הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט, "וַאֲנִי אָמַרְתִּי לְרִיק יָגַעְתִּי", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז דִי אַלֶע עַסְקָנוּת אִיז אַזוֹי חָשׁוּב; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה: "אֲבָל בֶּאֱמֶת מִצְוָה גְּדוֹלָה מְאוֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, "דְּצָרְכֵי רַבִּים הוּא", צוּ הֶעלְפְן אוּן טוּן פַארְן רַבִּים, "וְהוּא נוֹתֵן שְׁלֵמוּת לְנֶפֶשׁ", אוּן עֶס אִיז אַ טוֹבָה פַארְן מֶענְטְשׁ, "כְּמוֹ לִימוּד הַתּוֹרָה", אַזוֹי ווִי לֶערְנֶען תּוֹרָה; דָאס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט דָאךְ גֶעדַארְפְט טוּן פַארְן כְּלָל, אַ קֶענִיג דַארְף זָארְגְן פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פַאר פַּרְנָסָה אוּן פַאר אַלֶעס, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת ג:): "כִּנּוֹר הָיָה תָּלוּי לְמַעְלָה מִמִּטָּתוֹ שֶׁל דָוִד", דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט אַ פִידְל וָואס הָאט גֶעהָאנְגֶען הֶעכֶער זַיין בֶּעט, "וְכֵיוָן שֶׁהִגִּיעַ חֲצוֹת לַיְלָה", אוּן בַּיי חֲצוֹת - "בָּא רוּחַ צְפוֹנִית וְנוֹשֶׁבֶת בּוֹ, וּמְנַגֵּן מֵאֵלָיו", הָאט דִי פִידְל גֶעשְׁפִּילְט, אוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, "מִיַּד הָיָה עוֹמֵד וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה", אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט, "עַד שֶׁעָלָה עַמּוּד הַשַּׁחַר", בִּיז פַארְטָאגְס, "כֵּיוָן שֶׁעָלָה עַמּוּד הַשַּׁחַר נִכְנְסוּ חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל אֶצְלוֹ", וֶוען עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טָאגְן זֶענֶען אַרַיין צוּם קֶענִיג דִי חֲכָמִים, "אָמְרוּ לוֹ, אֲדוֹנֵינוּ הַמֶּלֶךְ, עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל צְרִיכִין

פַּרְנָסָה", מֶען הָאט גֶערֶעדְט מִיטְן קֶענִיג וָואס מֶען קֶען טוּן אַז עֶס זָאל זַיין פַּרְנָסָה, "אָמַר לָהֶם, לְכוּ וְהִתְפַּרְנְסוּ זֶה מִזֶּה", אוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן עֵצוֹת; בַּיינַאכְט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אוּן בַּייטָאג הָאט עֶר גֶעטוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

לֵייג זִיךְ פְּרִי, אוּן שְׁטֵיי אוֹיף גָאר פְּרִי, אוּן לֶערְן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. גֵיי אִין וַואלְד, רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁרֵיי אוֹיס דַיין הַארְץ, קְרֶעכְץ זִיךְ אוֹיס, אוּן דַאוֶוען פְּרִי, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ טוּן פַארְן כְּלַל, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת, בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל - וָואס טְרָאגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אִין דֶעם עִנְיָן. מַיין זֵיידֶע, הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי אֶלְחָנָן טֵייטְלְבּוֹים זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, נָאכְן קְרִיג וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, הָאט עֶר גֶעוָואלְט גֵיין אִין כּוֹלֵל, דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער הָאט אִים גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל שָׁעָה מֶען קֶען לֶערְנֶען אָן גֵיין אִין כּוֹלֵל, זִיבְּן שָׁעָה קֶען מֶען לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט אַרְבֶּעטְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### צְנִיעוּת בְּרֶענְגְט אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ב' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זוּכְט אַייךְ נִישְׁט קַיין צָרוֹת, זוּכְט אַייךְ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף פְרֶעמְדֶע בָּחוּרִים אוּן מֶענֶער, וָואס דַארְפְט אִיר צָרוֹת? אַז אִיר גֵייט אִין גַאס אָדֶער אִיר פָארְט מִיט דִי בָּאס - זָאלְט אִיר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן צָרוֹת.

אַז אִיר וֶועט זִיךְ פִּירְן בִּצְנִיעוּת - וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע חָתָן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְגִילָּה יג:): "בִּשְׂכַר צְנִיעוּת שֶׁהָיְתָה בָּהּ בְּרָחֵל זָכְתָה וְיָצָא מִמֶּנָּה שָׁאוּל", רָחֵל אִמֵּנוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז פוּן אִיר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ, וְוִיבַּאלְד זִי הָאט זִיךְ גֶעפִּירְט בִּצְנִיעוּת, "וּבִשְׂכַר צְנִיעוּת שֶׁהָיָה בּוֹ בְּשָׁאוּל זָכָה וְיָצְאת מִמֶּנּוּ אֶסְתֵּר", אוּן שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען - דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִּירְט בִּצְנִיעוּת - אַז פוּן אִים אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "הַצְּנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ טַעֲנָה'ֶען מַאכְט נָאר עֶרְגֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ב' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִיר - אִיז אַ סִימָן אַז עֶפֶּעס טוּט אִיר וֵויי; זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט מוּסָר זָאגְן אוּן מֶער וֵויי טוּן, אוּן אַז זִי שְׁרֵייט וֶוען דַיין קִינְד הֶערְט - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט זָאגְן מוּסָר אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער, וַוייל דָאס וֶועט אִיר מֶער אוֹיפְרֶעגְן, זָאלְסְטוּ אִיר גְלַייךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, זִי טַעֲנָה'ֶעט אַז עֶס אִיז צוּ פְּרִי; מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר, רֶעד צוּ דַיין וַוייבּ שֵׁיין אוּן הַארְצִיג, גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן טַעֲנָה נִישְׁט מִיט אִיר, וֶועט זִי נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר.

גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין גָאר פְּרִי זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אָבֶּער פַארְגֶעס נִישְׁט צוּ גֶעבְּן צַייט פַאר

דַיין וַוייבּ, רֶעדְן מִיט אִיר אוּן אִיר מְפַיֵּיס זַיין וְכוּ'. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט פוּן דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע חָכְמָה פוּן דֶעם צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ דֶרֶךְ פוּן פְּרִישׁוּת, עֶר פְלֶעגְט נֶעְלָם וֶוערְן פוּן שְׁטוּבּ בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ, אוּן נָאר אַהֵיים קוּמֶען שַׁבָּת. דָאס פְלֶעגְט שְׁטֶערְן זַיין וַוייבּ, אָבֶער וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט עֶר אַזוֹי שֵׁיין אוּן הַארְצִיג גֶערֶעדְט צוּ אִיר, אַז זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר בַּארוּאִיגְט אוּן צוּרִיק פְרֵיילִיךְ גֶעוָוארְן, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

טַעֲנָה נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַ יְסוֹד נִישְׁט צוּ טַעֲנָה'ן מִיט דִי וַוייבּ. טַעֲנָה'ן מַאכְט עֶרְגֶער, אַ וַוייבּ דַארְף מֶען גֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן אַז עֶס טוּט וֵויי וְכוּ' - נֶעמְט מֶען עֶס אָן פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רֶבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבִיתְהוּ", רֶבִּי חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מְשַׁכַּח מִידִי", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, "צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ, וּמַיְיתֵי נִיהֲלַהּ", פְלֶעגְט עֶר אִיר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען. פַארְצֵיילְט דִי גְמָרָא, רַב הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי חִיָּיא: "הָא קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ לְמַר", זִי אִיז דָאךְ דִיךְ מְצַעֵר, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר דִי גוּטֶע זַאכְן? הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַיֵּינוּ שֶׁמְגַדְלוֹת בָּנֵינוּ", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת, "וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", אוּן זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט צוּם שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ב' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלֶעפּ נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן צוּם שְׁטֶעטְל אוּן רֶעד נִישְׁט קֵיינֶעם צוּ אַרַיינְצוּשִׁיקְן דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז, אַז דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן - נֶעם אַ זֶעקְל

סְפָרִים און גֵיי הֲפָצָה; מִיטְן צִיל צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן וואוּינֶען בַּיי אוּנְז וְכוּ׳, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס פוּן דֶעם, נִישְׁט דָאס הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעוָואלְט, מֶען זָאל שְׁלֶעפְּן מֶענְטְשְׁן צוּ אִים; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעוָואלְט צוּצִיעֶן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שִׁיק נִישְׁט דִי קִינְדֶער אִין אַ מוֹסָד אוֹיף וֶועמֶען דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ב׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה, אַ מִשְׁפָּחָה הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיף אוּנְזֶער מוֹסָד, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט טַעֲנוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דִי עֶלְטֶערְן און גֶעזָאגְט: ״הֶערְט אוֹיס וָואס אִיז רִיכְטִיג, עֶנְדֶערְשׁ נֶעמְט אַרוֹיס דִי קִינְדֶער און לֵייגְט זֵיי אִין אַ מוֹסָד וָואס עֶנְק הַאלְטְן אַז דָארְט גֶעבְּט מֶען אַ גוּטֶע חִינוּךְ, וִוי אֵיידֶער צוּ הַאלְטְן בַּיי אוּנְז, און שְׁפֶּעטְן טָאג און נַאכְט פוּן דִי מוֹסָד״, וַוייל קִינְדֶער וֶוערְן צֶעמִישְׁט פוּן דֶעם, זֵיי פַּארְמַאכְן זִיךְ, יָארְן יָארְן וֶועט נֶעמֶען זֵיי זָאלְן קֶענֶען גֶעהֵיילְט וֶוערְן.

קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט נֶעמֶען קַיין מַחֲלֹקֶת און לֵיצָנוּת, אִינֶעם קִינְדְ׳ס מֹחַ אִיז דָא דְרֵיי מֶענְטְשְׁן; זַיין טַאטֶע, זַיין מַאמֶע און זַיין רֶבִּי אָדֶער טִיטְשֶׁער; דָאס קִינְד דַארְף שְׁפִּירְן וִוי אַלֶע זֶענֶען בְּשָׁלוֹם, אַלֶע אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם.

אִיךְ זָאג דִיר אוֹיךְ, עֶס אִיז גֶעזוּנְט זָאלְסְט זִיךְ אַוֶועק צִיעֶן פוּן שְׁטֶעטְל. הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, בִּיסְט נִישְׁט דֶער עֶרְשְׁטֶער און נִישְׁט דֶער לֶעצְטֶער, טוּ עֶס פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, וִוי אֵיידֶער חוֹזֵק מַאכְן.

אִיךְ מַיין עֶס מִיט אַן אֱמֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וויסְנְדִיג פוּן מַחֲשָׁבוֹת וָואס ווילְן דִיךְ צֶעבְּרֶעכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זֶע דַיין גִּלְיוֹן "טֶערָאפּי", עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין. אוֹיךְ הֶער אִיךְ הֶערְלִיכֶע גְרִיסְן אוֹיף דֶעם גִּלְיוֹן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה, עֶס לֵייזְט זֵיי אוֹיס פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע גָלוּת, מֶענְטְשְׁן וַוארְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוֹיף דִי גִּלְיוֹנוֹת.

גֵיי אָן מִיטְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וויסְנְדִיג פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס ווילְן דִיךְ צֶעבְּרֶעכְן, אַז 'עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי אַרְבֶּעט', אוּן 'וֶוער לֵיינְט עֶס דֶען?' אוּן 'וֶוער דַארְף עֶס דֶען?' וַוייל דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף אַלֶע מַדְפִּיסִים אוּן אַלֶע מְפִיצִים, דֶער סַמֶּ"ךְ מֶ"ם ווִיל זֵיי צֶעבְּרֶעכְן, עֶר ווִיל זֵיי מַחְלִישׁ דַעַת זַיין, כְּדֵי אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וָואס בְּרֶענְגְט דִי גְאוּלָה.

גֶעדֶענְק וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, זַיין אַ מִסְתַּפֵּק בְּמִעוּט אִיז נָאר בַּיי גַשְׁמִיוּת, בַּיי וֶועלְטְלִיכֶע גֶעבְּרוֹיכְן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי שְׁטוֹיבּ פוּן דִי צַדִּיקִים - דָארְט דַארְף מֶען גֵיין מֶער אוּן מֶער, קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן, מֶען דַארְף טְרַאכְטְן וָואס נָאךְ מֶען קֶען טוּן לְאוֹקְמָא שְׁכִינְתָּא מֵעַפְרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ וֶוען אֵיינֶער רוֹדְפְ'ט מִיךְ?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

בְּנוֹגֵעַ דֶער וָואס רוֹדְפְ'ט דִיךְ וְכוּ'; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רעז), מַחֲלֹקֶת קֶען נָאר זַיין וֶוען בֵּיידֶע ווילְן דִי מַחֲלֹקֶת, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ מָשָׁל, וֶוען אֵיינֶער גְרָאבְּט אַן אוּנְטֶערְגְרוּבּ אוּנְטֶער דֶעם חַבֶר'ס הוֹיז, אוֹיבּ וֶועט עֶר אוֹיךְ גֵיין גְרָאבְּן אַנְטְקֶעגְן יֶענֶעם - וֶועט דֶער וָואס וִיל אוּנְטֶער גְרָאבְּן גְרִינְג אוֹיסְפִירְן אוּן עֶנְדִיגְן דִי מַחְתֶּרֶת, וָואס וֶועט אָבֶּער זַיין אוֹיבּ דֶער חַבֶר וֶועט שְׁטֵיין אוּן גִיסְן זַאמְד אוּן מַאכְן מִיט דִי זַאמְד אַ בֶּערְגְל? וֶועט עֶר מִיט דֶעם צֶעשְׁטֶערְן יֶענֶעמְ'ס פְּלֶענֶער, דֶער שׂוֹנֵא וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ אוּנְטֶער גְרָאבְּן, "כְּמוֹ כֵן", אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי, "אֵין לַעֲמֹד כְּנֶגֶד הַשּׂוֹנְאִים לַעֲשׂוֹת כְּנֶגְדָם", מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קֶעגְן שְׁטֶעלְן דִי פַּיינְט, טוּן קֶעגְן זֵיי, וַוייל וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ צוּרִיק מִיט זֵיי - אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען הֶעלְפְט דֶעם שׂוֹנֵא גְרָאבְּן דִי מַחְתֶּרֶת, נָאר מֶען זָאל גִיסְן זַאמְד. דָאס אִיז וָואס מֶען בֶּעט בַּיים דַאוֶונֶען "וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶ"", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי וִוי זַאמְד, וִויפִיל מֶען וִויל מִיר אוּנְטֶער גְרָאבְּן זָאל אִיךְ זַיין אַזוֹי וִוי מֶען גִיסְט זַאמְד, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק קְרִיגְן.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, וֶוען מֶען הָאט מַחֲלֹקֶת - זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, נָאר יֶעדְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת, "וְלַעֲשׂוֹת לָהֶם כָּל הַטּוֹבוֹת", אוּן טוּן מִיט זֵיי אַלֶע טוֹבוֹת, "בְּחִינוֹת", אַזוֹי וִוי מִיר דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן: "וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶ"", מִיר זָאלְן זַיין אַזוֹי וִוי דִי זַאמְד, "כְּמוֹ הֶעָפָר", אַזוֹי וִוי זַאמְד, "שֶׁהַכֹּל דָּשִׁין עָלֶיהָ", אַלֶע טְרֶעטְן אוֹיף אִיר, "וְהִיא נוֹתֶנֶת לָהֶם כָּל הַטּוֹבוֹת", אוּן דִי זַאמְד גֶעבְּט צוּרִיק אַלֶע טוֹבוֹת, "אֲכִילָה", עֶסְן קוּמְט פוּן דֶער עֶרְד, "וּשְׁתִיָּה", טְרִינְקֶען קוּמְט פוּן דֶער עֶרְד, "וְזָהָב", גָאלְד, "וְכֶסֶף", אוּן זִילְבֶּער, "וַאֲבָנִים טוֹבוֹת", אוּן שֵׁיינֶע שְׁטֵיינֶער, "הַכֹּל הָיָה מִן הֶעָפָר", אַלֶעס קוּמְט פוּן דֶער עֶרְד, אוּן אַז מֶען טְרֶעט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן מֶען וַוארְפְט מִיסְט אוֹיף דֶער עֶרְד, מֶען שְׁפֵּייט אוֹיף דֶער עֶרְד, וָואס טוּט דֶער עֶרְד? זִי גֶעבְּט אַרוֹיס נָאר גוּטְס,

"כְּמוֹ כֵן", אַזוֹי דַארְפְן מִיר זִיךְ פִירְן מִיט דִי פַיינְט, "אַף עַל פִּי שֶׁהֵם חוֹלְקִים עָלָיו", אֲפִילוּ זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אוּן רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס, "וּמְבַקְשִׁים רָעָתוֹ", אוּן זוּכְן ווִי מֶען קֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן, "אַף עַל פִּי כֵן יַעֲשֶׂה לָהֶם", דַארְף מֶען צוּרִיק טוּן, "כָּל הַטוֹבוֹת", נָאר טוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## סְגוּלוֹת גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער; אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, ווַייל אָט אָט קוּמְט אַייעֶר יְשׁוּעָה.

מַאכְט אַייךְ אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען דִי מַעֲשִׂיוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כה) אַז דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אוּן אוֹיךְ זָאלְט אִיר זַיין פְרֵיילִיךְ, ווַייל אַמָאל קֶען דִי אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוּן נֶערְוֶועזְקֵייט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן הָאבְּן קִינְדֶער, זַייט פְרֵיילִיךְ, טַאנְצְט יֶעדְן טָאג מִיט פְרֵיילִיכֶע מוּזִיק, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז אַ מַאמֶע ווִיל רֵיינֶע קִינְדֶער, דַארְף זִי אוֹיךְ זַיין רֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַ בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז

בַּייגְעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], חִיזוּק אוֹיף נִישְׁט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וְוי אַזוֹי אִיר הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען.

אַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ זֶענֶען אַזוֹי לִיכְטִיג, הֵיילִיג אוּן רֵיין, אוּן אַז זֵיי זָאלְן וַוייטֶער אוֹיסְוַואקְסְן רֵיין דַארְף דִי מַאמֶע אוֹיךְ זַיין רֵיין. וְוען קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין זֶעט מֶען נִישְׁט אָן דֶעם אֱמֶת וָואס וֶועט זַיין מִיט זֵיי שְׁפֶּעטֶער, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סג, י) וְוען קִינְדֶער וֶוערְן בָּחוּרִים, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שֵׁייד וֶועג, יַעֲקֹב אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן עֵשָׂו צוּ דִי טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; אוּן אַז אַ מַאמֶע וויל דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ, הֵיילִיג אוּן רֵיין - דַארְף זִי אוֹיךְ זַיין רֵיין.

אִיךְ הָאבּ אַן אִינְטֶערֶעס אַז אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְמַארְטְפָאוֹן, דִי אִינְטֶערֶעס אִיז אַז עֶס זָאל זִיךְ צִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת בַּיי עֶנְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

## אִיר הָאט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, וַוארְפְט אַוֶועק דִי סְמַארְטְפָאוֹן פַאר זֵיי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר זָאלְט אִיר אַוֶועק וַוארְפְן דִי סְמַארְטְפָאוֹן, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אַייךְ צוּ הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן; אִיר הָאט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אִיר טָארְט עֶס נִישְׁט טוּן פַאר זֵיי.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, אֵיינְמָאל מֶען הָאט דָאס אוּן מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם וְכוּ׳, מִיט חַבֶר׳טֶעס וְכוּ׳ - אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס אָפְּצוּלָאזְן, אָבֶּער גְלֵייבְּט מִיר, דָאס אִיז נָאר וִוילַאנְג מֶען הָאט דָאס, דִי רֶגַע וָואס מֶען וַוארְפְט אַוֶועק דִי טֶעלֶעפָאן - וֶוערְט מֶען אַ בַּאפְרֵייטֶער מֶענְטְשׁ.

אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ יָארְן צוּרִיק וְוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק, אִיר

הָאט גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע פְּרִינְצִיפְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין שְׁטוּב אַ לֶעפְּטָאפּ וְכוּ׳; לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר זָאלְט אִיר אַוֶועק וַוארְפְן דִי סמ׳טֶעלֶעפָאוֹן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיבּ דִי חַבֶר׳טֶעס וָואס אִיר הָאט וְכוּ׳ - זֶענֶען גוּט פַאר אַייךְ, אוֹיבּ עֶס בְּרֶענְגְט אַייךְ צוּ זַיין אַ בֶּעסֶערֶע מַאמֶע, אַ בֶּעסֶערֶע וַוייבּ; נָאר מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וֵוייסְט מֶען אוֹיבּ מֶען גֵייט אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

[...

## נִישְׁט שִׁיקְן דָאס קִינְד צוּ אַ פְּרִיוַואטֶער נֶערְוֶועזֶער מְלַמֵד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

לְדַעְתִּי זָאלְט אִיר מֶער נִישְׁט שִׁיקְן אַייעֶר קִינְד צוּ לֶערְנֶען פְּרִיוַואט בַּיי יֶענֶעם; אַ מְלַמֵד וָואס שְׁרֵייט אוֹיף אַ יוּנְג קִינְד פוּן כִּתָּה ב׳ וָואס דַארְף צוּלֶערְנֶען עִבְרִי: ״גֵיי אַהֵיים, אוּן קוּם צוּרִיק מִיט דַיין מַאמֶע לֶערְנֶען״ - אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ שִׁיקְן צוּ אִים; עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען אִים לָאזְן אִין שְׁטוּבּ, אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן, ווִי שִׁיקְן צוּ אַ נֶערְוֶועזֶער מְלַמֵד.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער״; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אוּן זִיכֶער אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן, נָאר גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט חֲרָטָה פַארְן אַוֶועק גֵיין פוּן דַיין חֲסִידוּת אוּן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, נָאכְדֶעם וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִין פַּרְנָסָה, דוּ וֶוערְסְט דֶערְטְרָאנְקֶען אִין דַיינֶע חוֹבוֹת; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין דִיר דַן לְכַף זְכוּת, דִי חוֹבוֹת וָואס דוּ הָאסְט אוּן דִי פַּרְנָסָה וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט, הָאסְט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה - דָאס צֶעדְרוּקְט דִיר, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין מא:): ״עֲנִיּוּת מַעֲבִיר אֶת הָאָדָם עַל דַּעְתּוֹ וְעַל דַּעַת קוֹנוֹ״, מֶען פַארְלִירְט דִי שֵׂכֶל, מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן צַדִיק אוּן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר בְּרַחֲמִים, הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן הָאבּ נִישְׁט חֲרָטָה אַז דוּ בִּיסְט מְקוּרָב צוּם צַדִיק; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס וָואלְט גֶעוֶוען מִיט דִיר אָן דֶעם צַדִיק? וִוי דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען אָנֶעם רֶבִּי׳ן? מַה-דָאךְ מִיטְן רֶבִּי׳נְ׳ס הִתְחַזְקוּת אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער, וָואס וָואלְט גֶעוֶוען אָנֶעם רֶבִּי׳ן?

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קֵיין עַוְולוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט, אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט, בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים.

גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע ווִינְקֶל אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל חוֹבוֹת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מֹחַ, אַזוֹיפִיל פַּרְנָסוֹת הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט אוּן מֶען זָאגְט מִיךְ אָפּ, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר,

זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע זִינְד, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה, אוּן גֶעבּ מִיר שֶׁפַע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין פַאמִילְיֶע".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַוֶועקְגֶעבְּן אֵייגֶענֶע פַארְגֶענִיגְן אַז דֶער מַאן זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זֶענְט אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ, אִיר הָאט אַ מַאן וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער וֶוען מֶען זֶעט ווִי דִי חַבֶרְ'טֶעס פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי מַאן, זֵיי גֵייעֶן אוּן קוּמֶען וְכוּ', אוּן אַייעֶר מַאן לֶערְנְט אוּן לֶערְנְט, אִיר גֵייט אַלֵיין, אִיר קוּמְט אַלֵיין, אָבֶּער אַז מֶען טְרַאכְט פוּן תַּכְלִית, וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ? נָאר דִי תּוֹרָה, נָאר דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן דָאס גְרוֹיסֶע שְׂכַר וָואס דִי פְרוֹיעֶן בַּאקוּמֶען פַארְן הֶעלְפְן דֶעם מַאן לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים (כְּתוּבּוֹת סג.): "שֶׁלִּי וְשֶׁלָּכֶם שֶׁלָּהּ הוּא", מַיין גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן עֶנְקֶער גַאנְצֶע תּוֹרָה - אִיז אַלֶעס בִּזְכוּת מַיין וַוייבּ; זִי הָאט מְוַתֵּר גֶעוֶוען אוֹיף אִירֶע פַארְגֶענִיגְן אַז אִיר מַאן רֶבִּי עֲקִיבָא זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אִיךְ וֶועל מְחַזֵק זַיין אַייעֶר מַאן עֶר זָאל מַאכְן צַייט פַאר אַייךְ וְכוּ', אָבֶּער אַייךְ בֶּעט אִיךְ אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן אַוֶועק קוּקְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פַארְגֶענִיגְן אַבִּי אַייעֶר מַאן זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶועט אַייךְ גוּט זַיין בְּזֶה וּבַבָּא, אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת, "וִימַלֵּא הַשֵּׁם כָּל מִשְׁאֲלוֹת לִבֵּךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט אוּן עֶס אַרוֹיסְטְרָאגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לְכָבוֹד דַיין יוֹם הוּלֶדֶת זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְנֶעמֶען אָפְּצוּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט אוּן אַרוֹיסְטְרָאגְן דִי טָמֵא'נֶע וַואסֶער, אַזוֹי וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אִידִישׁ. יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ אַרַיינְגֵיין אִין דַיין שְׁלָאף צִימֶער, פַארְמַאךְ דִי טִיר אוּן רֶעד פַאר דְרֵיי מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶרְשְׁט זָאלְסְטוּ אִים דַאנְקֶען פַאר אַלֶעס, פַאר דַיינֶע גוּטֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, אוּן דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אִים שְׁטַארְק בֶּעטְן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַ צַדִיק, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, נֶעמְט אַוֶועק אֵייגֶענֶע שְׁוֶועריקֵייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין אַייךְ זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְן מִיר הֶעלְפְן מִיט בֵּית פֵיגָא, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס קוּמְט אַייךְ אָן שְׁוֶוער, אִיר הָאט נִישְׁט דִי כֹּחוֹת, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי חֳדָשִׁים וְכוּ', אִיר קוּמְט מַמָּשׁ מִיט דִי לֶעצְטֶע כֹּחוֹת; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", לוֹיט וִוי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אָן צוּ טוּן מִצְוֹת - אַלְץ מֶער אוּן גְרֶעסֶער אִיז דִי שָׂכָר.

בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְט מִיר אִין בֵּית פֵּיגָא - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, און צוּ פַארְשְׁפָּארְן זַייטִיגֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ; דִי עַגְמַת נֶפֶשׁ וֶוערְט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט, אַנְשְׁטָאט זַיין פַּארְנוּמְעֶן מִיט אֵייגֶענֶע וֵוייטָאג הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - הָאט מֶען נָאר דִי שְׁוֶועריקַייטְן פוּן לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי תַּלְמִידוֹת אַהֲבַת הַשֵּׁם, לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, לִיבּ הָאבְּן זַיין אַ אִיד, לִיבּ הָאבְּן טַאטֶע מַאמֶע, לִיבּ הָאבְּן צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**טְרַאכְט נִישְׁט בַּיי הֲפָצָה פוּן גֶעלְט, טְרַאכְט פוּן נְשָׁמוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן פוּנֶעם מְנַהֵל אַז דוּ הֶעלְפְסְט דִי מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם; מִיטְן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען אַלֶעס מְתַקֵּן, מִיטְן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מָשִׁיחַ'ס עֵצוֹת - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטְס.

גֵיי אוֹיךְ הֲפָצָה, אַלְס בָּחוּר פְלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן פוּן דַיין הֲפָצָה, יֶעצְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט - זָאלְסְטוּ מֶער עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה. גֵיי יֶעדְן טָאג צוּ יְשִׁיבוֹת און צוּ כּוֹלְלִים, צוּ דִי בָּחוּרִים און דִי אִינְגֶעלַייט וָואס וִוילְן זַיין גוּט און עֶרְלִיךְ און הָאבְּן נִישְׁט קַיין וֶועג, עֶס פֶעלְט זֵיי דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן; זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג הֲפָצָה.

טְרַאכְט נִישְׁט בַּיי הֲפָצָה קַיין אֵיין רֶגַע פוּן גֶעלְט, טְרַאכְט פוּן נְשָׁמוֹת; וִוי דוּ קֶענְסְט מְחַזֵּק זַיין נָאךְ אַ נְשָׁמָה, נָאךְ אַ נְשָׁמָה זָאל צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה. הֲפָצָה בְּרֶענְגְט שֶׁפַע, אָבֶּער נָאר אַז דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִי גֶעלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידוֹת פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קֶערִיקוּלֶעם פוּן בֵּית פֵיגָא מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידוֹת פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען מִיט אַ שֶׁער מַאשִׁין אַ טָאג נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר וֶוען דִי כַּלָה הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס אִיז דָאס זִיךְ אָפְּשֶׁערְן; עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אֵיין מָאל אַ יָאר פוּן דֶעם, וַוייל נִישְׁט אַלֶע תַּלְמִידוֹת קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶּער וואוּ מֶען לוֹיבְּט אוֹיס צְנִיעוּת, אוּן וואוּ מֶען לוֹיבְּט אוֹיס דָאס גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים, עֶס זֶענֶען דָא שְׁטִיבֶּער וואוּ מֶען קְרֶעכְצְט ווי שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ זַיין אַ אִיד, אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז לִיכְטִיג מַאכְן דִי הֶערְצֶער פוּן דִי תַּלְמִידוֹת, זֵיי גֶעבְן צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע טַעַם פוּן זַיין אֵיידְל אוּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים.

יֶעצְט אַז מֶען זִינְגְט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ נִיגוּנִים פוּן חֲנוּכָּה, זָאל מֶען טוֹישְׁן דִי ווערְטֶער פוּן דִי לִיד: ״אִיךְ בִּין אַ מַכַּבִּי, אִיךְ בִּין אַ מַכַּבִּי״, צוּ דִי וֶוערְטֶער: ״אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ בִּין אַ אִיד״; וַוייל דִי עֶרֶב רַב הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי וָוארְט מַכַּבִּי, זֵיי זֶענֶען דָאס מְגַשֵּׁם וְכוּ׳, דַארְפְן מִיר זִינְגֶען: ״אִיךְ בִּין אַ אִיד״, ״אִיךְ בִּין אַ אִיד״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קְנָאבְּל און צוּקֶער בַּיי אַ פִּדְיוֹן הַבֵּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.

מַזָּל טוֹב פַאר עֶנְקֶער אֵיינִיקְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק גֶעבְּן גֶעזוּנְט און נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער און דִי אֵיינִיקְלֶעךְ בִּזְכוּת וָואס עֶנְק טוּעֶן אַזוֹיפִיל פַאר הֲפָצָה, עֶנְק פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס עֶנְק זֶענֶען מְתַרְגֵּם מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וִוי אַזוֹי צוּ פְרַאוֶועןְ דִי סְעוּדַת פִּדְיוֹן הַבֵּן; מַאכְט אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה אִין שְׁטוּבּ (אָדֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ), רוּפְט דִי עֶלְטֶערְן, דִי זֵיידֶעס און בַּאבֶּעס, און מַאכְט אַ פֵיינֶע סְעוּדָה. מַאכְט אַיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט אוֹיסְגֶעגֶעבְּן גֶעלְט פַאר טֵייעֶרֶע סְעוּדוֹת; מִמָּה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ מֶען הָאט דִי פָּאר אִיבְּרִיגֶע דָאלֶער - זָאל מֶען דָאס עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּן פַאר דִי פָּארְפָאלְק, זֵיי הֶעלְפְן לֶעבְּן, און גֶעבְּן פַאר צְדָקָה, און אַז מֶען הָאט נִישְׁט דִי פָּאר אִיבְּרִיגֶע דָאלֶער - אִיז דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט װֶערְד צוּ בָּארְגְן זִיךְ צוּ בַּאוַוייזְן פַאר מִשְׁפָּחָה און שְׁכֵנִים וְכוּ׳.

סְעוּדַת פִּדְיוֹן הַבֵּן אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים אַז עֶס אִיז אַ תִּיקּוּן הַבְּרִית.

עֶס אִיז אַ מִנְהַג יִשְׂרָאֵל צוּ טֵיילְן קְנָאבְּל און צוּקֶער. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַ טַעַם, צוּ דֶערְמַאנֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא:): ״מִי שֶׁאָכַל שׁוּם וְרֵיחוֹ נוֹדֵף, יַחְזוֹר וַיֹּאכַל שׁוּם אַחֵר, וִיהֵא רֵיחוֹ נוֹדֵף״, וֶוער עֶס הָאט גֶעגֶעסְן קְנָאבְּל און עֶס גֵייט אַ גֶערוּךְ פוּן זַיין מוֹיל, אִיז זַיין עֵצָה צוּ עֶסְן וַוייטֶער קְנָאבְּל? אַזוֹי אוֹיךְ זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן ׳אִיךְ בִּין שׁוֹין אֵיין מָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, וֶועל אִיךְ זִיךְ נָאכְלָאזְן און טוּן חַס וְשָׁלוֹם עֲבֵירוֹת׳, נָאר גְלֵייבְּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): ״אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל״, אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, ״תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן״, דַארְפְסְטוּ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט צוּרִיק פַארְרֶעכְטְן, נָאךְ הָאט דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנג): "וָואלְט אִיךְ חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר גֶעוֶועןְ דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵירָה, וָואלְט דָאס מִיךְ גָארְנִישְׁט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן, אִיךְ וָואלְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן גֶעבְּלִיבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי פַארְן טוּן דִי עֲבֵירָה".

אַזוֹי אוֹיךְ טֵיילְט מֶען צוּקֶער, צוּ וַוייזְן אַז מֶען זָאל זוּכְן דָאס זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן, זוּכְן וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער נִיסִים פַּאסִירְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶר חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג אוּן דַאוֶוענְט עֶרְלִיךְ, עֶר צֵייכְנְט זִיךְ אוֹיס מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ בִּיז אַהֶער, וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער נִיסִים פַּאסִירְט אִין לֶעבְּן; דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת אוּן צוּ מְשַׁנֶה זַיין דִי טֶבַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדְן קִינְד, רֶעדְן צוּ זַייעֶר נְשָׁמָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; גֶעבּ פַאר דִי קִינְדֶער עֶסְן מִיטָאג אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ בַּיי עֶנְק וְכוּ׳, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ וִוי מֶען טוּט אִין אַמֶעריקֶע; יֶעדֶע פְּלַאץ הָאט זִיךְ זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ. מַאךְ נָאךְ נָאר דִי חֵלֶק הַחִינוּךְ, דִי חֵלֶק פוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדְן קִינְד, קוּקְן אוֹיף דִי קִינְדֶער מִיט רַחְמָנוּת, רֶעדְן צוּ זֵייעֶר נְשָׁמָה, אוּן אוֹיךְ פַארְלַאנְגֶען אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶער וַואקְסְן מִיט הֶפְקֵרוּת.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען שִׁיקְן דֶעם חוֹדֶשׁ נָאכְאַמָאל גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיךְ בֶּעט דִיר אַ טוֹבָה, גֵיי קַיין יַבְנְאֵל, גֵיי צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ מַאךְ דִיךְ אַ שָׁלִיחַ, אוּן בֶּעט פַאר מִיר, בֶּעט דָארְט פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי מוֹסְדוֹת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן בִּיז אַהֶער וֶועט אוּנְז וַוייטֶער הֶעלְפְן.

גֶעבּ אִיבֶּער אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע שְׁכֹּחַ פַאר יֶעדְן מְלַמֵד אוּן פַאר אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אִיךְ בִּין זֵיי אַלֶע זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ תְּמִימוּת׳דִיגְן פָּשׁוּטְ׳ן אִיד אִיז דָא וָואס מְקַנֵא צוּ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף אֵיינֶעם, אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין בְּרֶסְלֶב (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקכ): "אֲנִי מְקַנֵא אֶת ר׳ יוֹסְקֶע", אִיךְ בִּין מְקַנֵא דֶעם ר׳ יוֹסְקֶע, "שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה", וָואס פְלֶעגְט זָאגְן אַסַאךְ; אִין בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד וָואס פְלֶעגְט זָאגְן אוּן זָאגְן תְּהִלִּים אוּן תְּחִנּוֹת אוּן מַעֲמָדוֹת, אוֹיף אִים הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אִים מְקַנֵא.

אִינְטֶערֶעסַאנְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רעח): "הַצַּדִּיק שֶׁאֵינוֹ מְקַנֵא שׁוּם צַדִּיק, לֹא בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלֹא בָּעוֹלָם הַבָּא", אַז דִי גְרֶעסְטֶע

מַדְרֵיגָה אִיז וֶוען מֶען אִיז קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא, "רַק אוֹתוֹ לְבַדּוֹ יִתְבָּרֵךְ", נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, און ווִי מִיר וֵוייסְן הָאט דֶער רֶבִּי דָאס גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אַזוֹי ווִי דִי מַעֲשֶׂה גֵייט מִיט רֶבִּי נָתָן, ווִי עֶר הָאט זִיךְ צוּפְלַאמְט און גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז מָשִׁיחַ וְכוּ' וְכוּ'; דֶער רֶבִּי אִיז קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא, נָאר דֶעם אִישׁ פָּשׁוּט פוּן בְּרֶסְלֶב וָואס קֶען אַסַאךְ זָאגְן... דָאס אִיז פִּלְאֵי פְּלָאִים, ווִי גְרוֹיס תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אִיז, דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן דִי הֶעכְסְטֶע, בַּיים רֶבִּי'ן אִיז תְּמִימוּת דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אַז אִים אִיז מֶען גָאר יָא מְקַנֵא.

זָאג תְּהִלִּים, הַלְוַאי זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים און מְסַיֵּים זַיין תְּהִלִּים יֶעדֶע וָואךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים", וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, "כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", ווייל זָאגְן תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. "וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ", יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, "כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", ווייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה און נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה און עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת - וֶוערְט עֶר אָבֶער נִתְעוֹרֵר

תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעמַאכְטֶע חֵשֶׁק, בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶתְ'עֶ חֵשֶׁק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶוענֶען בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט' מֵחָכָם וְתָּם), וִוי דֶער חָכָם וֶוען עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דִי בְּרִיוו פוּנֶעם קֶענִיג אַז עֶר וִויל אִים זֶען - אִיז עֶר פְּלוּצְלוּנְג גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עָנִיו, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אַוֶועק מַאכְן אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין דֶער קֶענִיג דַארְף אִים. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי טְרִיקְס פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם מַאכְט עֶר דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, זַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים - אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן אַזוֹי וַוארְפְט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן, מַה שֶּׁאֵין כֵּן דֶער הֵיילִיגֶער תָּם, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער קֶענִיג, דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים זֶען - אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעלָאפְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה; אַזוֹי דַארְפְן מִיר זִיךְ פִירְן, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְפְן מִיר לוֹיפְן צוּ אִים, אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע חָכְמוֹת.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף וִויסְן פַארְן לֶעבְן, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, יב): "וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי

אֱלֹקִים עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶע'חָלוֹמ'ט ווי אַ לֵייטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּיז הִימְל, און מַלְאָכִים גֵייעֶן אַרוּיף און אַרָאפּ; לִכְאוֹרָה דַארְף זַיין פַּארְקֶערְט, מַלְאָכִים זֶענֶען אִין הִימְל, דַארְף וֶוען שְׁטֵיין "יוֹרְדִים וְעוֹלִים", זֵיי קוּמֶען אַרָאפּ און גֵייעֶן אַרוּיף.

אֶפְשָׁר לוֹמַר מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עד): "לִפְעָמִים אֵין לְהָאָדָם שׁוּם הִתְלַהֲבוּת בְּהַתְּפִלָּה", אַמָאל מַאכְט זִיךְ אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּם דַאוֶוענֶען, אַזוֹי ווִי דִי נִיגוּן גֵייט 'עֶסְן עֶסְט זִיךְ, שְׁלָאפְן שְׁלָאפְט זִיךְ - וָואס זָאל מֶען טוּן אַז עֶס דַאוֶוענְט זִיךְ נִישְׁט'; זָאגְט דֶער רֶבִּי, מֶען זָאל נִישְׁט וַוארְטְן וֶוען עֶס וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אַ גֶעפִיל פוּן אוֹיבְן און דֶעמָאלְט דַאוֶוענֶען, נָאר מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן ווִי מֶען הָאט אַ גֶעפִיל, מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען מִיט אַ גֶעמַאכְטֶע חֵשֶׁק, בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶ חֵשֶׁק.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ בֵּיישְׁפִּיל, אַזוֹי ווִי אֵיינֶער "שְׁנִיצְט זִיךְ אַיין רֹגֶז", מֶען מַאכְט זִיךְ עֶרְנְסְט בִּיז מֶען וֶוערְט טַאקֶע בְּכַעַס, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ בַּקְדֻשָּׁה בְּעִנְיַן הַתְּפִלָּה", אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "צְרִיכִים לִפְעָמִים לַעֲשׂוֹת לְעַצְמוֹ רֹגֶז", דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן ווִי מֶען הָאט אַ גֶעפִיל, "וְיַעֲשֶׂה לוֹ חֲמִימוּת וְתַבְעֵרַת הַלֵּב בְּדִבּוּרֵי הַתְּפִלָּה, אַזוֹי ווִיא אֵיינֶער שְׁנִיצְט זִיךְ אַ רֹגֶז, וְעַל יְדֵי זֶה יָבוֹא אַחַר כָּךְ בֶּאֱמֶת לְהִתְלַהֲבוּת וַחֲמִימוּת הַלֵּב בְּהַתְּפִלָּה", אַזוֹי וֶועט עֶר קוּמֶען צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַ בְּרֶען און מִיט אַ גֶעפִיל, "וְיִזְכֶּה שֶׁיִּבְעַר לִבּוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְיִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל", און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אַז דָאס הַארְץ וֶועט אִים אָנְהוֹיבְן בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

"וְכֵן בְּעִנְיַן הַשִּׂמְחָה", און אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; מֶען קֶען נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז מֶען וֶועט טַאקֶע זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן ווִי מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, "וְאִם לִפְעָמִים דַּעְתּוֹ מְבֻלְבָּל וְאֵינוֹ יָכוֹל בְּשׁוּם אֹפֶן לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ", און אַז מֶען אִיז אַזוֹי צֶעמִישְׁט און מֶען קֶען נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ אֶמֶת'עֶ שִׂמְחָה, "אָז עֲצָתוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא שָׂמֵחַ", זָאל מֶען זִיךְ מַאכְן ווִי מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, "וְאַף עַל פִּי שֶׁבִּתְחִלָּה עֲדַיִן אֵין הַשִּׂמְחָה בֶּאֱמֶת בַּלֵּב", און אֲפִילוּ אִין אָנְהוֹיב אִיז מֶען טַאקֶע נָאכְנִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז נָאר

גֶעמַאכְט, "אַף עַל פִּי כֵן עַל יְדֵי שֶׁעוֹשֶׂה עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא שָׂמֵחַ, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה אַחַר כָּךְ בֶּאֱמֶת לְשִׂמְחָה", וֶועט עֶר בַּיים סוֹף וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

דָאס קוּמְט אוּנְז דִי פָּסוּק לֶערְנֶען, דִי לֵייטֶער שְׁטֵייט בַּיי דִיר, דוּ קֶענְסְט אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אָבֶּער קוֹדֶם אִיז 'עוֹלִים' אוּן נָאכְדֶעם 'וְיוֹרְדִים בּוֹ', וַוארְט נִישְׁט דִי מַלְאָכִים זָאלְן אַרָאפְּקוּמֶען קוֹדֶם, דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן דִי קְדוּשָׁה, דִי שִׂמְחָה, אוּן נָאר אַזוֹי דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר עֶרְשְׁט קְרִיךְ דוּ אַרוֹיף אוֹיפְן לֵייטֶער, דוּ הוֹיבּ אָן אַרוֹיפְשִׁיקְן מַלְאָכִים, רֶעד אַרוֹיס דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְן תּוֹרָה אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן מַאךְ דִיךְ פְרֵיילִיךְ, נָאכְדֶעם וֶועט זַיין 'יוֹרְדִים בּוֹ', וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּאזוּכְן אוּן אָנְרוּפְן דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א, עֶר גֶעדֶענְקְט אַז מוֹהֲרָ"שׁ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶוענֶען אָנְרוּפְן זַיין טַאטֶע; זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַזוֹי טוּן, אָנְרוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג, אוּן אַז דוּ וואוֹינְסְט אִין דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאט ווִי דַיינֶע עֶלְטֶערְן - זָאלְסְטוּ זֵיי בַּאזוּכְן יֶעדְן טָאג, אוּן אַז דוּ וואוֹינְסְט אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטָאט - זָאלְסְטוּ גֵיין פוּן צַייט צוּ צַייט זֵיי בַּאזוּכְן; ווַייל דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַזוֹי הֵיילִיג, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא לב.): "הוּקַשׁ כִּיבּוּד אָב וָאֵם לִכְבוֹדוֹ שֶׁל מָקוֹם", דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶס אִיז אַזוֹי ווִי מֶען אִיז מְכַבֵּד דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

מוֹהֲרָ"שׁ דֶערְצֵיילְט (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן פא), דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פָארְן צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט וַוייט אַוֶועק פוּן זֵיי, פוּן אוּסְיַאטִין בִּיז מֶעזִיבּוּז אִיז מֶער פוּן דְרֵיי הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג קִילָאמֶעטֶער, דָאס אִיז אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט מַייל, דָאךְ פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זִיךְ

אַרִיבֶּער כַּאפְּן מִזְמַן לִזְמַן צוּ זֵיי; אִיז אַוַדַּאי הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז דָאךְ אַזוֹי גְרִינְג צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה, וֶוען מֶען קֶען רֶעדְן דוּרְכְן טֶעלֶעפָאן אִיז מַמָּשׁ אַן עֲבֵירָה דָאס נִישְׁט צוּ טוּן.

וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן דֶערְצֵייל זֵיי נָאר פְּרֵיילִיכֶע זַאכְן, מַאךְ זֵיי נִישְׁט קַיין צַעַר, אוּן אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער עֶפֶּעס פְּרִיוַואט צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ - וָואס דַארְפְסְטוּ דָאס זָאגְן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן? וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן דֶערְפוּן? וָואס קֶענֶען זֵיי דִיר הֶעלְפְן? וָואס ווילְסְטוּ? זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט גֶענוּג צַעַר, יֶעצְט אִיז אַ צַייט פוּן שִׂמְחָה, דֶערְצֵייל זֵיי פְּרֵיילִיכֶע זַאכְן, דֶערְצֵייל זֵיי שֵׁיינֶע זַאכְן. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, כד): "עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ", מִישְׁט נִישְׁט אַרַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אִין עֶנְקֶער לֶעבְּן, אוּן קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן פַאר זֵיי, פַאר עֶלְטֶערְן דֶערְצֵיילְט מֶען נָאר גוּטְס אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי נָאר נַחַת.

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם, זֶע דַיין וַוייבּ זָאל קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר וויכְטִיגֶע זַאכְן צוּ רֶעדְן צוּ דִי פְּרוֹיעֶן פוּן אוּנְזֶער קְהִילָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לֶערְנְסְט נָאךְ יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דָאס אַלֶעס וָואס דְרֵייט זִיךְ וְכוּ', מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ' - אִיז נָאר לְמַעַן הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן. אַלֶעס וָואס דוּ זֶעסְט, אַלֶעס וָואס דוּ הֶערְסְט וְכוּ' - אִיז צוּ זֶען אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וַוייטֶער בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיינֶע רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִין. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקיט): "כָּל מַה שֶׁאַתָּה רוֹאֶה בָּעוֹלָם", וָואס דוּ זֶעסְט אוֹיף דִי וֶועלְט, "הוּא רַק בִּשְׁבִיל הַבְּחִירָה", אִיז נָאר עֶס זָאל זַיין אַ בְּחִירָה, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְוֶועלְן דִי גוּטֶע וֶועג, "כִּי כָּל

הָעוֹלָם וּמְלֹאוֹ לֹא נִבְרָא רַק בִּשְׁבִיל הַבְּחִירָה", וַוייל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן אַ בְּחִירָה צוּ בּוֹחֵר זַיין בְּטוֹב, זִיךְ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיבֶּערְקוּמֶען דִי נִסְיוֹנוֹת..

וואוּ הַאלְסְטוּ אִין שַׁ"ס? לֶערְנְסְט נָאךְ יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא? קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶּכֶת בָּבָא בַּתְרָא, אוּן מִיר הוֹיבְּן אָן מַסֶּכֶת סַנְהֶדְרִין, וְויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן מְבָּאבּוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר קְדוּשַּׁת צִיּוֹן, אַז אַמָאל זֶענֶען צוּ אִים גֶעקוּמֶען בָּחוּרִים אוּן גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר זֵייעֶר עֲבֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶע זֵייעֶרֶע חַטְאוֹת נְעוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אוּן גֶעבֶּעטְן אַ תִּיקוּן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, הָאבְּן אִים דִי בָּחוּרִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער, הָאט דֶער בָּאבּוּבֶער רָב זֵיי גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וָואלְט אַייךְ גֶעזָאגְט אִיר זָאלְט זִיךְ אָפְּבְּרֶענֶען אַייעֶרֶע הֶענְט אוּן מַאכְן גִּלְגּוּל שֶׁלֶג וָואלְט אִיר גֶעלָאפְן מִיט שִׂמְחָה דָאס טוּן, אִיר וַוארְט אִיךְ זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַזַא תִּיקוּן? דָא גֶעב אִיךְ עֶנְק אַ גְרִינְגֶע תִּיקוּן - אַ בְּלַאט גְמָרָא, אִיז עֶנְק שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען?!" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע תִּיקוּן מֶער וִוי אַלֶע סָארְט סִיגוּפִים, מֶער וִוי פַארְבְּרֶענֶען דִי הֶענְט אוּן מַאכְן גִּלְגּוּל שֶׁלֶג.

שַׁבָּת חֲנוּכָּה וֶועל אִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף זַיין אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס אִיז דָא צוּ זָארְגְן אוֹיף פַּרְנָסָה?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נִישְׁט דִי גֶעלְט מַאכְט פְרֵיילִיךְ, אוּן נִישְׁט דָאס נִישְׁט הָאבְּן גֶעלְט מַאכְט

בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, עֶס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען טְרַאכְט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט׳ מֵחָכָם וְתָּם), דִי פַּרְנָסָה פוּנֶעם תָּם אִיז גֶעוֶוען בְּצִמְצוּם, עֶר הָאט פַאֲרְדִינְט גָאר וֵויינִיג, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַייט צוּ עֶסְן אוּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט פַאר מֶער וִוי בְּרוֹיט, וַואסֶער אוּן אַ פֶּעלְץ, אָבֶער פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶפֶּעס פֶעלְט אִים, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר הָאט אַלֶעס.

אַמָאל הָאט מֶען זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט צוּם רֶבִּי׳ן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פַּרְנָסָה וְכוּ׳, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זַיי פָּארְגֶעהַאלְטְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקכח): "מַה לִּדְאֹג עַל פַּרְנָסָה", וָואס אִיז דָא צוּ זָארְגְן אוֹיף פַּרְנָסָה? "הֲלֹא לֶחֶם עִם אִיגֶירְקֶיס הוּא מַאֲכָל טוֹב", בְּרוֹיט מִיט אִיגֶערְקֶעס (קְיוּקָאמְבֶּער) אִיז אַ גוּטֶע עֶסְן; אַז מֶען דַארְף נִישְׁט לֶעבְּן אַ טֵייעֶרֶע לֶעבְּן אוּן קְרֶעכְצְן טָאג אוּן נַאכְט אַז עֶס פֶעלְט גֶעלְט, מֶען קֶען לֶעבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע פָּשׁוּט׳עֶ לֶעבְּן.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מִיטְוָואךְ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶּכֶת בָּבָא בַּתְרָא, אוּן מִיר הוֹיבְּן אָן מַסֶּכֶת סַנְהֶדְרִין, וְוִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא. דִי גְמָרָא וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע טוּנְקֶלְקֵייטְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) אוֹיפְן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם, 'זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי'"; פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ, וִוי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף תַּלְמוּד בַּבְלִי, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - אַז דָאס אִיז אַ טוּנְקֶלְקֵייט, אַ טוֹיטְקֵייט? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, וֶוען אֵיינֶער וֵויינְט אוּן קְלָאגְט 'בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי', מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוּנְקֶל, כְּמֵתֵי עוֹלָם, מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר טוֹיט', קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אוּן מֶען טְרֵייסְט אִים, 'זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי', עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר דִיר, נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן לֶערְן גְמָרָא, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר לִיכְטִיג מַאכְן, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַמָאל צוּ עֶסְן שַׁבָּת בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין יַבְנְאֵל, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט בַּיי דִי סְעוּדָה גֶעגֶעבְּן פַאר אֵיינֶעם מוּסָר, עֶס אִיז גֶעוֶוען מוּסָר פוּן לִיבְּשַׁאפְט, בִּבְחִינַת וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, ה): "טוֹבָה תּוֹכַחַת מְגֻלָּה", עֶס אִיז גוּט מוּסָר, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן הֶערְן, "מֵאַהֲבָה מְסֻתָּרֶת", וֶוען עֶס קוּמְט פוּן אַ בַּאהַאלְטֶענֶע לִיבְּשַׁאפְט; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט יֶענֶעם

גֶעזָאגְט: "בִּיסְט אַמָאל גֶעוֶועןן אוֹיפְן 'רַכֶּבֶת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַרָאפּ פוּן בַּאן? דֶער בַּאן פָאְרט, אוּן וֶוער עֶס אִיז אוֹיפְן בַּאן אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל תּוֹרָה, קוּם צוּרִיק אַרוֹיף אוֹיפְן בַּאן".

דָאס הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט נָאכְן יֶענֶעם פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא פוּן יֶענֶעם טָאג, יֶענֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט נֵיין, הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַרָאפּ פוּן דִי בַּאן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?"

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דֶער בַּאן פָאְרט אוּן וֶועט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכט): "מַיין פַייעֶרְל וֶועט בְּרֶענֶען אוּן טְלִיעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען"; שְׁפְּרִינְג אַרוֹיף אוֹיפְן בַּאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ בְּלַייבְּן בַּיים צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל דִיךְ נִישְׁט אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאקֶערְט אוֹיף יֶעדְן מְקוֹרָב אִים אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן פוּן צַדִּיק; אֵיינֶעם שְׁלֶעפְּט עֶר אַוֶועק מִיט לֵיצָנוּת, אַ צְוֵוייטְן מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת; אַזוֹי פְּרוּבִּירְט מֶען מִיט אַלֶע וֶועגְן אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן פוּן צַדִּיק.

מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ בְּלַייבְּן בַּיים צַדִּיק. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד ר' לִיפָּא, אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר. אַמָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם יְרִיד מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט קוֹדֶם גֵיין צוּם רֶבִּי'ן נֶעמֶען אַ בְּרָכָה, אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת. בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאט עֶר גֶעוַוארְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, עֶר זָאל קֶענֶען פָארְן

צום יְריד פַארְדינֶען גֶעלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַלֶעס גֶעזֶען, הָאט עֶר מְרַמֵּז גֶעוֶוען בַּיי דִי תּוֹרָה וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר תִּיקּוּן ג' מֵהַתִּקּוּנִים הָאַחֲרוֹנִים): "חֲיֵיכַת בְּהוֹן בְּעוּתְרָא בְּהַאי עָלְמָא, וּלְבָתַר, קְטִילַת בְּהוֹן", גֶעלְט לַאכְט צום מֶענְטְשׁ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, און שְׁפֶּעטֶער הַרְגֶ'עט עֶס דֶעם מֶענְטְשׁ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיט דֶעם מְרַמֵּז זַיין פַאר ר' לִיפָּא אַז נִישְׁט אַלֶעס אִיז גֶעלְט וְכוּ', ר' לִיפָּא הָאט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט פוּן דֶעם, עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן און מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעטְרָאפְן, עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "לִיפָּא, וואוּ בִּיסְטוּ אַנְטְלָאפְן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַוֶועק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? עִמָּנוּ הֱיִיתֶם!" הָאט אִים ר' לִיפָּא גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט", מֵיינֶענְדִיג דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט און אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען אִין דִי תּוֹרָה, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "לִיפָּא! פוּן אַזַא רֶבִּי גֵייט מֶען אַוֶועק?! זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְג (אַ דִיקֶע הָאלְץ) און מִיךְ שְׁלָאגְן - וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין", וַוייל וֶוען מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד - קוּמְט אוֹיס אַז 'פוּן אַזַא רֶבִּי וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין, אֲפִילוּ עֶר וֶועט מִיךְ שְׁמַייסְן מִיט אַ דְרָאנְג'.

אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִיר קֶעגְן דֶעם צַדִּיק זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק און גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אִים הֶעלְפְן טְרֶעפְן דִי גָאלְדֶענֶע בַּארְג מִיט דִי פֶּערְלְנֶעם שְׁלָאס. מוֹהֲרַנַ"ת זָאגְט (נַחֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן), דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען מֶען הָאט בִּלְבּוּלִים און חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דָא הָאבּ אִיךְ אַ צַדִּיק וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזוֹיפִיל גוּטֶס, זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר מִיר, פַאר מַיין שְׁטוּב, מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג צוּ לֶעבְּן מִיט דִיר, זַיין נָאנְט צוּ דִיר, אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַ וֶועג וִוי צוּ לֶעבְּן מַאן און וַוייבּ בְּשָׁלוֹם, אַ צַדִּיק וָואס בְּלָאזְט אַרַיין אִין מִיר אַ חַיּוּת, און דָא בִּין אִיךְ אַזוֹי צֶעמִישְׁט וַוייל מֶען רֶעדְט צוּ מִיר לֵיצָנוּת און אִיךְ הָאבּ חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ' וְכוּ', אָנָּא הַשֵּׁם רַאטֶעוֶוע מִיךְ אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מַיין גַאנְץ לֶעבְּן".

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶּכֶת בָּבָא בַּתְרָא, אוּן מִיר הוֹיבְּן אָן מַסֶּכֶת סַנְהֶדְרִין, וַוייל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא. אַז מֶען לֶערְנְט אַ בְּלַאט גְמָרָא וֶוערְט מֶען אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, גְמָרָא אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פִּיר מַלְאָכִים גַּ׳בְרִיאֵל, מִ׳יכָאֵל, רְ׳פָאֵל אוּן אוּ׳רִיאֵל; וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא צִיט מֶען צוּ זִיךְ דִי פִּיר מַלְאָכִים, מֶען הָאט אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה (סֵפֶר הַחַיִּים לַאֲחִי מַהֲרַ״ל, סֵפֶר זָכִיּוֹת, פֶּרֶק ב).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בס"ד




# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך איין אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**

IDEA. 8457769664